# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................5:28
מוצאי שב"ק......................7:00

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................שמואל-ב י"ט-כ'
בבלי.....................סנהדרין ע"ד
ירושלמי...................חגיגה ט'
תוספתא.....................יומא ג'
רמב"ם.............טומאת אוכלין י'


פרשת תרומה, שבת שקלים, שבת ראש חודש, ב' דר"ח אדר, שנת תשפ"ה לפ"ק — שנה 14, גליון 22 (690)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט דִי אִידְן זָאלְן מַאכְן פַּאר אִים אַ הֵיילִיגֶע וואוֹינוּנְג אוּן אִיךְ וֶועל רוּעֶן צְווִישְׁן זֵיי. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל, פוּן דֶעסְט וֶועגְן ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַוְקָא רוּעֶן צְווִישְׁן אוּנְז מֶענְטְשְׁן, וָואס מִיר לִיגְן אִין גַשְׁמִיוּת, עֶר ווִיל מִיר זָאלְן אִים בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּב וואוּ עֶר זָאל רוּעֶן; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן אִיז גֶעוֶוען דֶער מִיט דִי לוּחוֹת, פַארְוָואס אִיז דָאס גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט) אַז עֶר ווִיל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן אַז 'מֶען זָאל טוּן', יֶעדֶער זָאל הָאבְּן אַ חִיוּב אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּר. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, זֵיי זֶענֶען שוֹין אַיינְגֶעוואוֹינְט צוּ טוּעֶן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כָּךְ וְכָךְ', אַ בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, וֶועלְן זֵיי סוֹף כָּל סוֹף זִיכֶער אַרוֹיס גֵיין פוּן זֵייעֶר בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

דֶערְפַאר, וֶוען מֶען הָאט גֶעוָואלְט בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן בַּיי אוּנְז, דוּ ווִילְסְט לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוּז מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מַאכְן דֶעם הֵיילִיגְן אָרוֹן, מֶען דַארְף לֶערְנֶען תּוֹרָה, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן בַּיים מֶענְטְשׁ.

דֶער פָּסוּק זָאגְט, וְעָשׂוּ אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים אַמָּתַיִם וָחֵצִי אָרְכּוֹ וְאַמָּה וָחֵצִי רָחְבּוֹ וְאַמָּה וָחֵצִי קֹמָתוֹ, פוּן אַלֶע זַייטְן הָאט דֶער אָרוֹן גֶעהַאט 'הַאלְבֶּע' אַמוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער 'בַּעַל הַטוּרִים' זָאגְט, אַז דָאס קוּמְט אוּנְז צוּ וַוייזְן אַז דִי תּוֹרָה הַאלְט זִיךְ נִישְׁט וואוּ עֶס אִיז גַאנְץ, נָאר וואוּ עֶס אִיז צֶעבְּרָאכְן, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ז.), אַז תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ וַואסֶער, אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען גִיסְט וַואסֶער אוֹיף אַ הוֹיכֶע פְלַאץ הַאלְט זִיךְ עֶס נִישְׁט, עֶס רִינְט אַרָאפּ, אַזוֹי אוֹיךְ תּוֹרָה הַאלְט זִיךְ נָאר בַּיי אַן עָנָיו, וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ קְלֵיין.

מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען זָאגְן נָאכְמֶער; אַ מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ צוּ זַיין מְסוּדָר, אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען עֶסְט קֶעיק, שְׁנַיידְט מֶען אַרָאפּ נָאךְ אַ שְׁטִיקְל, כְּדֵי עֶס צוּ מַאכְן גְרָאד... אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן ווִי אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער מֶענְטְשׁ, עֶר קֶען נִישְׁט זַיין מְסוּדָר מִיט אַ סֵדֶר, פוּן אַלֶע זַייטְן אִיז עֶר צֶעבְּרָאכְן, נִישְׁט מְסוּדָר, אַ כְּלִי נִשְׁבָּר, זָאגְט דָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, קוּק אוֹיפְ'ן אָרוֹן מִיט דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע מָאסְן, פוּן אַלֶע זַייטְן אִיז עֶס גֶעוֶוען הַאלְבּ; אוֹיבּ לֵייגְט מֶען אַרַיין דִי תּוֹרָה אִין דֶעם צֶעבְּרָאכֶענֶעם כֵּלִי, וֶוערְט דָאס דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, דָאס קוּמְט אָן אִינֶעם הֵיילִיגְסְטְן פְּלַאץ, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ, לֵייג אַרַיין אִין דִיר אַבִּיסְל תּוֹרָה, וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען אִינֶעם הֵיילִיגְסְטְן פְּלַאץ, אִין קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד וֶוער דוּ בִּיסְט.

מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט הָאבְּן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען, נָאר אֵיין זַאךְ, שֵׂכֶל צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּמַאכְן: אִיךְ זֶע דָאךְ ווִי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ אוֹיף, אוּן וואוּ מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אָן; מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ אִין לֶעבְּן, דָאס לֶעבְּן אִיז זֵיי מַמָּשׁ דֶער גֵיהִנוֹם, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן ווִי זֵיי, אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט אָפְּמוּטְשֶׁען מַיינֶע זִיבֶּעצִיג יָאר', אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה דֶערְצוּ, צוּ נֶעמֶען אַ וֶועג וַוייזֶער, נֶעמֶען אַ דָאקְטֶער, אַ חָכָם, וֶועם אִיךְ פָאלְג.

אַז מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן פַאר אַ וֶועג וַוייזֶער הָאט מֶען אַ גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן; לָאמִיר אַרוֹיס כַאפְּן אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען, לָאמִיר אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל גְמָרָא, לָאמִיר נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן לֶערְנֶען אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּארִימֶען: ווִי אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיף אַ אִינְגֶערְמַאן צִי עֶר אִיז אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? אוֹיבּ עֶר דְרֵייט זִיךְ מִיט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת'ל אִין טַאשׁ, אוּן וֶוען עֶר הָאט אַפָּאר אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט, כַאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק - דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ תַּלְמִיד 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.' הַלְוַאי זָאלְן מִיר דָאס אוֹיךְ קֶענֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען, מֶען זָאל קֶענֶען אָנְזֶען אוֹיף אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דוּרְךְ זַיין מִשְׁנַיוֹת, וואוּ עֶר אִיז - זֶעט מֶען אִים מִיטְ'ן מִשְׁנַיוֹת, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי עֶר אִיז אַ בָּאס דְרֵייוֶוער, אָדֶער עֶר וַוארְט פוּנְקְט אִין אַ אָפִיס, אָדֶער עֶר זִיצְט בַּיי אַ חֲתוּנָה - שְׁטֶענְדִיג זֶעט מֶען אִים מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת. דָאס אִיז דֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ.

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע כֵּלִי, דָאס גַאנְצֶע לֶערְנֶען אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג אַ אַנְדֶערֶע צָאל פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אֵיין טָאג אַכְצְן פְּרָקִים אוּן אֵיין טָאג ווֵיינִיגֶער, דָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעזָאגְט: "בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", אוּן מֶען וֶועט דִיר אַרַיין טְרָאגְן אִין קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ הֵיילִיגֶער אִיד אוּן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַּרְגוֹת שֶׁבָּעוֹלָם.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, תְּרוּמָה תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים, אִין יְרוּשַׁלְמִי (רֵישׁ מַסֶּכֶת מְגִילָּה) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז אִין גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר קֶען מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָה, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (או"ח תרפ"ח, ז') אַז וֶוער עֶס פָּארְט אַרוֹיס אוֹיף אַ וַוייטֶע וֶועג אוּן עֶר קֶען נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז פּוּרִים, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען אַ מְגִילָה, קֶען עֶר שׁוֹין לֵיינֶען דִי מְגִילָה פוּן אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז גְלַייךְ אִין אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, אִיז שׁוֹין דָא דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן פּוּרִים.

דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ"ל (תַּעֲנִית כ"ו:) "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", גְלַייךְ וֶוען מֶען טְרֶעט אַרַיין אִין חֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן חֲזַ"ל זֶענֶען מְדַיֵּיק "מַרְבִּין" - מֶען דַארְף "פַארְמֶערְן" מִיט שִׂמְחָה, וַוייל בֶּאֱמֶת הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה "תָּמִיד", אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ; נָאר חוֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען נָאךְ מֶער פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּן אַלֶעס

<<<<<<

## א גוט ווארט

נָאךְ אַ סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן קֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאגְט 'אִיךְ וֶועל סֵיי ווִי נִישְׁט אָנְהַאלְטְן מַיינֶע פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת, אִיךְ הוֹיבּ שְׁטֶענְדִיג אָן אוּן אִיךְ פַאל, אִיךְ קֶען נִישְׁט הַאלְטְן קֵיין גַאנְצֶע זַאךְ'; זָאגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט קֵיין גַאנְצֶע שֶׁקֶל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַ מַחֲצִית, אַ הַאלְבֶּע עֲבוֹדָה"; הוֹיבּ אָן, מַאךְ עֶפֶּעס, טוּ עֶפֶּעס, מַאךְ הַאלְבּ, מַאךְ אוּן הֶער אוֹיף, טַאקֶע דָאס דַארְף מֶען פוּן דִיר; לֵיין אֵיין טָאג קְרִיאַת שְׁמַע, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוען אֵיין תְּפִילָּה, הִיט דַיינֶע אוֹיגְן אֵיין מָאל, הוֹיבּ אָן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ מָארְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען; מַאךְ אַ הַאלְבּ, הוֹיבּ אָן, הוֹיבּ אָן אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן אַז מָארְגְן וֶועסְטוּ אָפְּלָאזְן; דָאס דַארְף מֶען פוּן דִיר, מֶען דַארְף נִישְׁט קֵיין גַאנְצֶע זַאכְן, מֶען דַארְף אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל.

דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה חֵלֶק ב, סִימָן יט): "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִצּוֹל מִיֵּצֶר הָרָע", דוּרְךְ דִי שְׁקָלִים וָואס מֶען גֶעבְּט - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, וַוייל דָאס אִיז דִי וֶועג גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, אַז מֶען אִיז גְרֵייט צוּ זַיין נָאר הַאלְבּ, מֶען אִיז גְרֵייט אוֹיף הַאלְבֶּע קַבָּלוֹת.

טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, שַׁבָּת שְׁקָלִים אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ נָאר פַאר צַדִיקִים, דָאס אִיז פַאר מִיר, אִיךְ קֶען זִיךְ יֶעצְט אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֵיי זִיךְ יֶעצְט צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# שַׁבָּת שְׁקָלִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עש"ק תְּרוּמָה, שְׁקָלִים, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לפ"ק לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דִּי וָואךְ שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שַׁבָּת, שַׁבָּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן אוֹיךְ שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁקָלִים. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אוֹיף דִי ד' פַּרְשִׁיּוֹת זִיךְ צוּ קֶענֶען זֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים בְּפָנִים"; דִי צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז אִין דִי שַׁבָּתִים לִיגְט עֶפֶּעס גְרוֹיסֶע זַאכְן, מִיר זֶעעֶן נִישְׁט, אָבֶּער מִיר גְלֵייבְּן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים, אוּן אַז זֵיי זָאגְן אַז דִי שַׁבָּתִים זֶענֶען גְרוֹיסֶע שַׁבָּתִים - דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי הֵיילִיגְקֵייט וָואס עֶס קוּמְט אִין דִי צַייט.

בַּיים דַאוְונֶען זָאגְן מִיר דִי יוֹצְרוֹת, סֵיי בֵּיי שַׁחֲרִית אוּן אוֹיךְ בֵּיי מוּסָף, מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "'אוֹר פָּנֶיךָ עָלֵינוּ אָדוֹן נְשָׂא', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן אוּן דִיךְ צוּ זֶען, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעפַאלְן, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַאוְונֶען יֶעדְן טָאג מִיט כַּוָּונָה דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, וֶוען וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַלֶע מַיינֶע שִׁיעוּרִים, מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא מֶדְרָשׁ הֲלָכָה וַאֲגָדָה וְכוּ'? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ ווִיל שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל שׁוֹין זַיין אָפְּגֶעהִיטְן".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלֶע יָארְן גֶערֶעדְט פַּרְשַׁת שַׁבָּת שְׁקָלִים פַארְוָואס מֶען דַארְף בְּרֶענְגֶען נָאר אַ הַאלְבֶּע שֶׁקֶל אוּן נִישְׁט קֵיין גַאנְצֶע, וַוייל דָאס קוּמְט אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן פוּן דִי דִמְיוֹן וָואס מִיר טְרַאכְטְן אַז 'אִיךְ אַלֵיין בִּין גַאנְץ, אִיךְ אַלֵיין בִּין גוּט', דִי מִצְוָה פוּן בְּרֶענְגֶען נָאר אַ הַאלְבֶּע שֶׁקֶל קוּמְט צוּ לֶערְנֶען אַז אַ אִיד קֶען נָאר זַיין גַאנְץ מִיט אַ צְוֵוייטְן, סֵיי מַאן אוּן וַוייבּ, סֵיי מִיט אַנְדֶערֶע, מֶען מוּז זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר אַזוֹי אִיז מֶען גַאנְץ. דָאס בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "'וְשֶׁקֶל אִשָּׁא בְּבַיִת נָכוֹן וְנִשָּׂא', אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין גַאנְץ מִיט אַנְדֶערֶע, זַיין גַאנְץ אִין שְׁטוּב".

וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן אָנֶעם רֶבִּי'ן, אָן דִי עֵצָה פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; דָאס רַאטֶעוֶועט אוּנְז, אוּן דָאס מוּזְן מִיר גֶעבְּן פַאר נָאךְ אִידְן; מִיר מוּזְן גֵיין הֲפָצָה, טוּן פַאר אַנְדֶערֶע, עֶס זָאל זַיין אַ גַאנְצֶע שֶׁקֶל.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת, אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

נב. כְּשֶׁאַתָּה מְבַקֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר, תַּזְכִּיר זְכוּת אָבוֹת. וֶוען דוּ בֶּעטְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ, זָאלְסְטוּ דֶערְמַאנֶען דִי זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערְן.

נג. כְּשֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲנִישׁ אֵיזֶה רָשָׁע שֶׁיּוֹדֵעַ בּוֹ שֶׁלֹּא יַעֲשֶׂה עוֹד תְּשׁוּבָה, וְהַצַּדִּיק מִתְפַּלֵּל עָלָיו יוֹתֵר מִדַּאי, עַל יְדֵי זֶה נֶעֱנָשׁ הַצַּדִּיק. וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרָאפְט אַ גֶעווִיסֶער רָשָׁע, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז עֶר וֶועט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אַ צַדִּיק בֶּעט פַאר יֶענֶעם צוּפִיל, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט דֶער צַדִּיק גֶעשְׁטְרָאפְט.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

וָואס מֶען קֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶערְפַאר פִירְט מֶען זִיךְ אַז וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֶענְגְט מֶען אוֹיף גְרוֹיסֶע טָאווְלֶען "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", צוּ דֶערְמַאנֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקְן צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּן אַלֶע פְּעוּלּוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מַמְשִׁיךְ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס קוּמְט אַרָאפּ אִין דִי טֶעג.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בֵּיצָה ט"ו:) "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו יִטַּע בָּהֶן אָדָר, שֶׁנֶּאֱמַר אַדִּיר בַּמָּרוֹם ה'", בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט עֶס אַז וֶוער עֶס ווִיל אַז זַיינֶע פֶעלְדֶער זָאלְן גוּט וַואקְסְן, זָאל עֶר אַיינְפְלַאנְצְן אַ גֶעווִיסֶע גְרָאז וָואס הֵייסְט "אָדָר"; דָאס אִיז אָבֶּער אוֹיךְ מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂמְחָה, ח"ב, א) "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס. אוּן דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ"ל "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו", וֶוען אֵיינֶער ווִיל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, "יִטַּע בָּהֶן אָדָר", זָאל עֶר בַּיי זִיךְ אַיינְפְלַאנְצְן דִי מִדַּת הַשִּׂמְחָה פוּן חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן דִי שִׂמְחָה וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ זַיין.

### בִּין אִיךְ טַאקֶע פְרֵיילִיךְ?

ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן אוֹיבּ עֶר אִיז טַאקֶע פְרֵיילִיךְ? וֶוען דִי שִׂמְחָה גִיסְט זִיךְ אִיבֶּער, אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן, דֶעמָאלְט וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ. דֶערְפַאר זֶענֶען דִי מִצְוֹת פוּן חוֹדֶשׁ אָדָר זֶענֶען פוּל מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט עֶר טוּן צְדָקָה וָחֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ.

עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט שַׁבָּת שְׁקָלִים, וָואס מֶען רוּפְט שׁוֹין אוֹיס צוּ גֶעבְּן שְׁקָלִים, צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ עֶרֶב פּוּרִים פִירְט מֶען זִיךְ צוּ גֶעבְּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל פַאר צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ פּוּרִים אַלֵיינְס אִיז דָאךְ פִיל נָאר מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד; מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, סְעוּדַת פּוּרִים מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוּן פְרֵיינְד, אוּן אוֹיךְ פוּן פּוּרִים וָואס אִיז דְרֵייסִיג טֶעג פַאר דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין צוּזַאם נֶעמֶען קִמְחָא דְפִסְחָא פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח; קוּמְט אוֹיס אַז גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר אִיז פַארְבִּינְדֶען מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, ווִיל עֶר אוֹיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד.

### תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה

אַזוֹי ווִי חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מִיִּרְאָה, מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם יוֹם הַדִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין בְּדִין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְשְׁרַייבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער חוֹדֶשׁ אָדָר אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אָבֶּער יֶעצְט אִיז עֶס תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה אוּן מִיט שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶעם גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּ צוּם חוֹדֶשׁ נִיסָן וָואס אִיז דֶער חוֹדֶשׁ הַגְּאֻלָּה, בְּנִיסָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל, אוּן מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ קֶען מֶען פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (הַשְׁמָטוֹת לְחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן) אַז אָדָר אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן ר'אשׁ ד'בָרְךָ אֱ'מֶת. קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט לוֹיט ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט (קִידּוּשִׁין ל"א.) אוֹיף דֶעם פָּסוּק ר'אשׁ דְּ'בָרְךָ אֱ'מֶת, פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא "רֹאשׁ דְּבָרְךָ וְלֹא סוֹף דְּבָרְךָ?" - נָאר דִי אָנְפַאנְג וֶוערְטֶער זֶענֶען אֱמֶת, אוּן דִי סוֹף נִישְׁט? זָאגְט דִי גְמָרָא "אֶלָּא מִסּוֹף דְּבָרְךָ נִיכָּר שֶׁרֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת", פוּנֶעם סוֹף זֶעהְט מֶען אַז דִי אָנְפַאנְג אִיז אוֹיךְ אֱמֶת.

דָאס קֶען זַיין אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז, אָדָר אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ר'אשׁ דְּ'בָרְךָ אֱ'מֶת, אַז חוֹדֶשׁ אָדָר וָואס אִיז דֶער לֶעצְטֶער חוֹדֶשׁ פוּנֶעם סֵדֶר הַחֳדָשִׁים, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִין דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מְתַקֵּן דִי אַלֶע חֳדָשִׁים וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, וַוייל פוּן דֶעם לֶעצְטְן חוֹדֶשׁ, וֶוען מֶען אִיז דֶעמָאלְט פְרֵיילִיךְ, וַוייזְט מֶען מִיט דֶעם אַז מֶען הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט ווִי מֶען וָואלְט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, זָאגְט דִי גְמָרָא (יוֹמָא פ"ו:) אַז דֶעמָאלְט וֶוערְן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף מִצְוֹת; דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בְּשִׂמְחָה וֶוערְט מְקוּיָּם ר'אשׁ דְּ'בָרְךָ אֱ'מֶת, אַזוֹי ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט, אַז פוּן סוֹף יָאר וֶוערְט דִי גַאנְצֶע יָאר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן, אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ מִצְוֹת.

### ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ?

צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת זֶענֶען אַסַאךְ גְרִינְגֶער צוּ טוּן ווִי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ, מֶען פַארְלִירְט דִי מוּט, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקָּר גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, זָאל עֶר נָאךְ אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ. וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קוּנְץ, נָאר פַארְקֶערְט וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט דֶערְקֶענְט זִיךְ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד.

שִׂמְחָה קוּמְט דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר הֶעלְפְּט אִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֶעשֶׁעט אִיז נִישְׁט פּוּנְקְט גֶעשֶׁען בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, נָאר יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, וָואלְט עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

<<<<<<

נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ תּוֹרָה מִיט מִצְוֹת וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין, דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, וִויפִיל יָאר לֶעבְּט שׁוֹין אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט? "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה", אוּן אַז מֶען כַאפְּט נָאךְ אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן אִין דִי עֶטְלִיכֶע יָאר, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם.

פַארְוָואס הִיט מֶען שַׁבָּת? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן. פַארְוָואס עֶסְט מֶען כָּשֵׁר'ס? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן. פַארְוָואס הָאבְּן מִיר אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר? פַארְוָואס קוּשְׁן מִיר דִי מְזוּזָה? וַוייל אִין דִי מְזוּזָה שְׁטֵייט קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, אוּן מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דֶעם. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע מִצְוֹת וָואס יֶעדֶער אִיד טוּט, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דֶערְמִיט, אוּן דָאס וַוייזְט אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד') אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי רִשְׁעוּת פוּן הָמָן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַחַשְׁוֵרוֹשׁ, וְדָתֵיהֶם שׁוֹנוֹת מִכָּל עָם, הָמָן הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ יֶעדֶע פָאלְק אוּן לַאנְד הָאט אוֹיךְ גֶעזֶעצְן, זֵיי זֶענֶען אָבֶּער נִישְׁט פְרֵיילִיךְ עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין; בַּיי דִי אִידְן אָבֶּער, וֶוען זֵיי טוּעֶן מִצְוֹת זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעקְרֶענְקְט פַאר הָמָן, דָאס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת, אִיז אַ סִימָן אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ.

דָאס קֶען מֶען טַאקֶע זֶען אַז דִי גֶעזֶעצְן פוּנֶעם לַאנְד זוּכְט מֶען נָאר וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁפִּילְן, וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט וֶועט מֶען זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן; אִידִישֶׁע קִינְדֶער פָאלְגְן אָבֶּער דִי תּוֹרָה וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ נִישְׁט זֶען דֶעם גֵיהִנוֹם", אוּן יֶענֶער הָאט עֶס טַאקֶע מְקַיֵּים גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

## דֶער עִיקָר אִיז פְרֵיילִיךְ

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עוֹזֵר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', מִיט פוּלְסְטְן בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקֵייט, אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּגֶעלֵייגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אוֹיף דִיר עוֹזֵר אַז דוּ בִּיזְט פְּרוּם [עֶרְנְסְט]; אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן, נָאר דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַבִּיסְל פְּרוּם אוֹיךְ". דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, צוּ הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הֵייבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדוֹת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ אִין חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן נָאךְ מֶער וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ חֹדֶשׁ אָדָר וְעֶרֶךְ שִׂמְחָה חֵלֶק ז' ח' י' י"ג)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קצה)

### תרסב

פְרַייטָאג, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ שַׁבָּת הַגָדוֹל, זֶענֶען דִי שְׁלוּחִים אָנְגֶעקוּמֶען מִיט דִי וַוייבּ אוּן טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּם שְׁטָאט אוּסְטְרָאָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר ר' שְׁמוּאֵל טֶעפְּלִיקֶער, "וֶוען דוּ בִּיסְט אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן מִיר, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וֶועט פַאסִירְן צוּ מִיר דָא אִין אוּסְטְרָאָה דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט מִיר אִין שְׁטָאט אִיסְטַאנְבּוּל אוֹיפְ'ן וֶועג קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל" (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן רכ"ה), דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז עֶר וֶועט נִסְתַּלֵק וֶוערְן דָארְט חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ.

### תרסג

וֶוען זַיין וַוייבּ אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט זִי נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ הֵיילְן בַּיי דָאקְטֶער גָארְדָאן, זִי הָאט נָאר גֶעוָואלְט פָארְן צוּם שְׁטָאט זַאסְלַאבּ, צוּ דִי דָאקְטוֹרִים פוּן דָארְט.

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# אוֹיפְגֶעהֶערְט בַּייסְן דִי נֶעגְל?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין מַיין חֵדֶר אִיז דָא אַ אִינְגְל וָואס בַּייסְט דִי נֶעגְל כְּסֵדֶר, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיפְהֶערְן.

אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם פַּארְק גֵייט מֶען דוּרְךְ אַ שׁוּל, אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוען עֶס אִיז לֵיידִיג גֵייט מֶען דָארְט אַרַיין צוּ קוּשְׁן דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אֵיינְמָאל הֶער אִיךְ וִוי עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל נִישְׁט בַּייסְן דִי נֶעגְל", אוּן הַיינְט כַאפּ אִיךְ זִיךְ אַז כִּמְעַט וָואס עֶר בַּייסְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט דִי נֶעגְל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ט' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער תְּפִילָה, זֵיי זָאלְן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען וִויל - אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה, 'תְּפִילָה'; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט פוּן אַ טַאטֶע, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט פוּן אַ גוּטֶע פְרַיינְד. אַז מֶען לֶערְנְט דָאס מִיט קִינְדֶער, מֶען רֶעדְט פוּן תְּפִילָה נָאכְאַנַאנְד - גֵייט דָאס אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער, זֵיי גֶעדֶענְקֶען דָאס פַארְן גַאנְצְן לֶעבְּן, אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן דַארְפְן אוּן וֶועלְן עֶפֶּעס אִין לֶעבְּן - וֶועלְן זֵיי וִויסְן אַז דוּרְךְ תְּפִילָה קֶען מֶען דָאס בַּאקוּמֶען.

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ גֵייסְט מִיט זֵיי אַרַיין אִין אַ לֵיידִיגֶע שׁוּל אוּן דוּ לֶערְנְסְט זֵיי אוֹיס צוּ קוּשְׁן דִי פָּרוֹכֶת, אוּן אוֹיךְ אַז זֵיי זָאלְן בֶּעטְן בֵּיי דִי פָּרוֹכֶת. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי זַיין מְלַמֵד רֶבִּי יַעֲקֹב קַלְמְנוֹבִיץ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן בִּלְשׁוֹן חִיבָּה ר' יַעֲקֹב מְלַמֵד) - פְלֶעגְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, וֶוען אַ קִינְד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט פְלֶעגְט דֶער מְלַמֵד נֶעמֶען דָאס קִינְד אוּן אִים שְׁטֶעלְן בַּיים אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, דִי חֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שׁוּל, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם קִינְד קוּשְׁן דֶעם פָּרוֹכֶת, עֶר הָאט אִים פָארְגֶעזָאגְט אַ תְּפִילָה אוּן אִים גֶעהֵייסְן נָאכְזָאגְן וָוארְט בֵּיי וָוארְט; אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן תְּפִילָה, אַז וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס זָאל מֶען צוּ גֵיין צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, גֶעבְּן אַ קוּשׁ דֶעם פָּרוֹכֶת אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז פוּן אַלֶע זַיינֶע מְלַמְדִים גֶעדֶענְקְט עֶר נָאר זִכְרוֹנוֹת פוּן דֶעם מְלַמֵד אוּן פוּן נָאךְ אַ מְלַמֵד וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, פוּן דִי אֱמוּנָה אוּן פוּן דִי תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וָואס זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיךְ פַארְצֵיילְט אַז עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְטֵיילְן אִין חֵדֶר יֶעדְן טָאג פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַ פְּרוּטָה, אוּן עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ פּוּשְׁקֶע צוּ אַלֶע קִינְדֶער, אוּן בִּשְׁעַת עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי פּוּשְׁקֶע הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער נִיגוּן וָואס עֶר פְלֶעגְט זִינְגֶען: "הֲרֵינִי נוֹתֵן צְדָקָה לָעֲנִיִּים וְלַיְתוֹמִים וְלְאַלְמָנוֹת, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אָרֶעמֶעלַייט, אוּן אִין דֶעם זְכוּת זָאל אִיךְ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ אַ צְוֵוייטְן"; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע מַחֲזֶה צוּ זֶען וִוי אַזוֹי יֶעדֶעס קִינְד לֵייגְט אַרַיין אַ פְּרוּטָה אִין דִי פּוּשְׁקֶע נָאכְן זָאגְן דִי תְּפִילָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַּח תשפ"ה)

זִי הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, זִי אִיז אַהִינְגֶעפָארְן, וַוייל זִי הָאט דָארְט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע פַאמִילְיֶע.

**תרסד**

אוּם זוּנְטָאג אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפָארְן מִיט אִיר, כָאטְש וָואס אִיז גֶעוֶוען בְּלוֹיז פִיר טֶעג פַארְ'ן יוֹם טוֹב פֶּסַח, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ נִישְׁט גֶע'עַקְשְׁנְ'ט, עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט אוּסְטְרָאָה צוּ פָארְן קֵיין זַאסְלַאב, וָואס אִיז אַ מַהֲלָךְ פוּן אוּמְגֶעפֶער 52 קִילָאמֶעטֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בַּיינַאכְט קֵיין זַאסְלַאב.

דִי שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן וָואגְלֶענִישְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן דָארְט מִיטְגֶעמַאכְט זֶענֶען גֶעוֶוען מַמָּשׁ אוּמְדֶערְטְרֶעגְלִיךְ, וַוייל זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען מַמָּשׁ פַאר פֶּסַח, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דָארְט גְרֵייט אַ דִירָה וואוּ אַרַיינְצוּגֵיין, זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט דָארְט דִינְגֶען אַ דִירָה, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וֶוער עֶס זָאל הֶעלְפְן אוּן בַּאדִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאר ר' שְׁמוּאֵל טֶעפְּלִיקֶער, וַוייל ר' אַייזִיק יוֹסֵף אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר פַארְשְׁלַאפְט גֶעוָוארְן, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב וִוירְטְשַׁאפְט, אוּן אָנְצוּגְרֵייטְן אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן אוֹיף פֶּסַח, אִיז אַלֶעס גֶעלִיגְן נָאר אוֹיף אִים, אוּן עֶר הָאט דָאס אַלֶעס גֶעדַארְפְט בַּאוַוייזְן אִין אֵיין טָאג.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

# סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צום געבורט פון אן אייניקל**
**למזל טוב, א אינגל, ביי זיין זון**

מו"ה **שמעון רוטה** שליט"א

חתן מו"ה **אברהם משה שטראסער** שליט"א

**מנהל מוסדות היכל הקודש ברסלב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת; דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל לעווי** שליט"א בני ברק
עורך הגליון הנפלא "אשית עצות בנפשי"
**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**
החתן **יהודה דוד** נ"י עב"ג בת
מו"ה **נפתלי בוים** הי"ו בני ברק

***

מו"ה **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אלימלך פריעדמאן** הי"ו קרית יואל
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **נפתלי בוים** הי"ו בני ברק
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **משה רעכניצער** הי"ו בני ברק
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# ראש ישיבה שליט"א באזוכט נייעם בית המדרש "היכל הקודש" אין סטעטן איילענד

אין אלע חרדישע געגענטער הערשט א שטארקע דירות קריזיס. קיין עין הרע, געבענטשטע משפחות, מיט אסאך קינדער, און די פארלאנג פון דירות איז שווער נאכצוקומען, דאס האט צוגעברענגט אז עס האבן זיך געעפנט פילע נייע געגנטער ארום די אלטע אידישע שטעט. אריבער דעם ווערעזאנא בריק פון בארא פארק, האט זיך אין די לעצטע יארן אנטוויקלט ב"ה א הערליכע שנעל וואקסנדע שפרודעלדיגע היימישע געגענט אין סטעטן איילענד, עס וואוינען שוין דארט קרוב צו טויזנט משפחות פון אלע חרדישע קרייזן. דער געגנט איז ברוך ה' געבענטשט מיט פילע שולן פון פילע הויפן און חסידות'ן, וואס לא ראוי זה כראוי זה, אבער הצד השווה שבהן אז מען לערנט מען דאווענט און מען דינט דעם אויבערשטן.

צווישן די פילע נייע תושבים געפינען זיך אויך פילע ברסלב'ע חסידים, תלמידי היכל הקודש, און מען האט איינגעזען אז עס איז צייט פאר א בית המדרש "היכל הקודש" אין סטעטן איילענד, וואו מען זאל זיך קענען מחזק זיין בעבודת ה' אויפ'ן וועג פון הייליגן רבי'ן אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז. מיט בערך איינס און א האלב יאר צוריק האט מען זיך ברוך ה' אריינגעצויגן אינעם נייעם בית המדרש, און מען האט עס באנייט.

יעצט איז געקומען די צייט צוצוענדיגן די ארבעט פון איבערפרישן דעם פלאץ, דער געטרייער גבאי מו"ה יוסי זינגער הי"ו האט זיך אריינגעלייגט אין די ארבעט, און אין די לעצטערע וואכן האט מען אריינגעלייגט גרויסע כוחות צו איבערפרישן און פארענדיגן דאס פלאץ ווי עס פאסט פאר א בית ה'. אנשי שלומינו זענען שטארק דאנקבאר פאר איינע פון די חשוב'ע מתפללים מו"ה שמעון לעווי הי"ו וואס האט מנדב געווען די הוצאות. ישלם ה' פעלו, ותהי משכורתו שלימה מעם ה'. מען האט געלייגט א גענצליך נייע פלאר, מען האט געלייגט פרישע טירן, און נייע מאלדינגס.

דער בית המדרש "היכל הקודש" אין סטעטן איילענד איז א מאגנעט אין צענטער פון שטאט, מען ווייסט אז דארט איז א פלאץ ווי מען קען הערן גוטע ווערטער, מען באקומט פרישע לופט און חיות ווייטער אנצוגיין, עס געפינט זיך אויף A-319 ברעדלי עוו.. אנשי שלומינו קומען זיך צוזאם אויף אלע דריי תפילות, דער גבאי מו"ה יוסף זינגער הי"ו לערנט פאר שיינע שיעורים שבת אינדערפרי און ביי שלש סעודות, און מען איז זיך מחזק בדיבוק חברים מיט די ווערטער פונעם רבי'ן און זיינע תלמידים.

ווי געזאגט האט מען געדארפט לייגן נייע טירן, און מען האט דערפאר געדארפט אראפנעמען די מזוזות, און יעצט ווען עס איז פארטיג געווארן איז דער ראש ישיבה שליט"א געקומען מחזק זיין אנשי שלומינו אין שטאט, און געקלאפט די מזוזות צום גרויסן געלעגנהייט.

די באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א האט אריינגעבלאזן א פרישע חיות אין די גאנצע שטאט, דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט די וועכענטליכע ליל שישי שיעור פאר אינגעלייט דארט אין בית המדרש, דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט פונעם פרייליכן חודש אדר הממשמש ובא. דער רבי האט געזאגט אז עס איז א מצוה צו זיין פרייליך א גאנץ יאר, אבער חודש אדר דארף מען צולייגן שמחה פי כמה. דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט ווי שמחה איז א יסוד היסודות צו הצלחה ברוחניות ובגשמיות, א פרייליכער מענטש איז מצליח, יעדער גלייכט צו זיין נעבן אים, שמחה היט אפ א מענטש פון עבירות, ווען א מענטש איז פרייליך קריגט ער זיך נישט מיט קיינעם, און אזוי אויך היילט עס פשוט ברוחניות ובגשמיות, ווי דער רבי שרייבט אז אפילו די דאקטורים זענען מודה אז רוב חלאים קומט אויף א מענטש נאר ווייל מען איז נישט פרייליך, היינט איז גאר שטארק מצוי מענטשן וואס ליידן אויף די מאגן, אויף די רוקן און אזוי ווייטער, נאר צוליב סטרעס, וואס מיינט אז מען איז נישט פרייליך. אבער וויאזוי קען מען זיין פרייליך? - האט דער ראש ישיבה געפרעגט - דארפסט נישט טון עפעס אויסערגעווענליך, פריי דיך מיט פשטות יהדות. פארוואס לאזט א מענטש נאך אידישקייט, ווייל ער פריידט זיך נישט דערמיט. פריי דיך מיט ציצית, פריי דיך מיט שבת, שבת נעמסטו נישט דיין קאר, דו עפנסט נישט דיין טעלעפאן, דאס איז שוין איבער גענוג צו זיין פרייליך.

נאכ'ן שיעור האבן די אנוועזענדע געפרעגט זייער אינטערעסאנטע שאלות אין פארשידענע נושאים, אויף וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געענטפערט בטוב טעם ודעת. מען קען הערן דעם שיעור און די שאלות ותשובות נאכ'ן שיעור אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליניע, דורכ'ן דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורי התחזקות, 2 פאר וועכנטליכע שיעורים, 10 פאר שנת תשפ"ה, און דערנאך 19 פאר דעם שיעור.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געקלאפט די מזוזות אויף די פרישע שול, און אנגעווינטשן פאר די גבאים און פאר אנשי שלומינו מען זאל מצליח זיין אין אלעס וואס זיי טוען. דער באזוך האט איבערגעלאזט א שטארקע רושם אויף אלעמען.

## וימי הפורים האלה

**שיעורי התחזקות, שיעורי תורה, שיעורי הלכה, מגילת אסתר, פרייליכע פורים'דיגס, זיך צוצוגרייטן צום הייליגן יום טוב פורים**

# קול ברסלב

# 212-444-9191

**1, 1, 9, 5**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

# 718-387-2691

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**